NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11894

DOS VINTER HEYZL OYF DER STUDIANA

D. N. (Dmitrii Narkisovich) Mamin-

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שול־ביבליאָטעק.

№ 25.

ד. נ. מאַמין־סיביריאַק.

דאָס ווינטער־הויז אויף דער סטודיאָנאַיאַ.

פון רוסיש — ד. רויכעל.

דאָס ווינטער־הייזל אויף דער סטודיאָנקאַ.

I.

דער אַלטער איז געלעגן אויף זײַן באַנק־בעטל נעבן אויוון, אײַנגעדעקט אין זײַן אַלטער קאָלדרע פון אויסגעקראָכענער הירשן־פעל. צי איז איצט פריה, צי שפעט, האָט ער ניט געוואוסט, און ער האָט עס ניט געקאָנט וויסן, ווײַל טאָגן האָט אָנגעהויבן שפעט, און דער הימל איז נאָך פון אָוונט אָן געווען באַדעקט מיט נידעריגע האַרבסט־וואָלקענס. אויפשטעהן האָט זיך ניט געגלוסט: אין שטיבל איז געווען קאַלט, און שוין אַ מעשה פון עטליכע טעג, אַז דער רוקן און די פיס טועו אים שטארק וועה. שלאָפן האָט ער אויך ניט געוואָלט, און ער איז זיך געלעגן גלאַט אַזוי זיך, אַבי איבערצו־שטופן די צײַט. און וואוהין האָט ער זיך דאָס געהאַט אײַלן? אויפגעוועקט האָט אים דאָס שטילע דראַפּען אין טיר,—דאָס האָט זיך געבעטן אין שטיבל אַרײַן מוז־גאַרקאָ, ניט קײַן גרויסער, ראַבער וואוילישער הונט, וואָס לעבט שוין אין דעם דאָזיגן שטיבל אַ יאָר צעהן.

— אָט האַלט איך דיר געבן, מוזגאַרקאָ!... האָט דער אַלטיטשקער געוואָרטשעט, אײַנהילנדיג זיך אין זײַן קאָל־דרע,— דראַפּע זיך, דראַפּע זיך...

דער הונט האָט אויף אַ ווײלע אויפגעהערט צו דראַפּען זיך אין טיר און נאָכדעם האָט ער זיך צעוואָיעט אויף אַ קלאָגעדיגן אויסגעצויגענעם קול.

— אַ, די וועלף זאָלן דיך עסן!.. האָט זיך דער אַלטיטשקער געזידלט, אויפהויבנדיג זיך פונ׳ם בעטל.

ער איז אין דער פינסטער צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי אויפגעמאַכט און האָט שוין גלייך פאַרשטאַנען פאַרוואָס ס׳ברעכט אים דער רוקן, און פאַרוואָס דער הונט וואָיעט דאָס אַזוי. אַלץ, וואָס מע האָט נאָר געקאָנט זעהן דורך דער אויפגעמאַכטער טיר, איז געווען באַדעקט מיט שניי. ער האָט גאַנץ קלאָר געזעהן, ווי אין דער לופט דרעהט זיך אַ גנעץ פון ווייכע פוכיגע שנייעלאַך, און שטיבל איז געווען פינסטער, און אַדאַנק דעם ווייסן שניי האָט מען אַלץ געקאָנט זעהן—אי דעם וואַלד, אי דאָס אָנגעברוגזטע, שוואַרץ געוואָרענע טייכל, אי דעם שטיינערדיגן פאָרבאַרג*), וואָס האָט זיך אַרײַנגעשניטן אין דעם טײַך. דער קלוגער הונט איז געזעסן בײַ דער אויפגעמאַכטער טיר און מיט קלוגע, ברענענדיגע אויגן געקוקט אויף זײַן בעל־הבית.

—

— נו, וואָס זשע, הייסט עס—אַ סוף!.. האָט דער אַלטיטשקער געענפערט אויף דער שטומער שאלה אין דעם הונט׳ס אויגן,—מ׳קאָן גאָרניט מאכן, ברודערל, פאַרפאַלן!..

דער הונט האָט אַ מאַך געטאָן מיט זײַן עק און שטיל א וואָיע געטאָן מיט יענעם שטילן ליבן וואָיען,

*) Мысъ.

מיט וועלכן ער פלעגט בקויז באַגעגענען זיין בעל-הבית
— נו, פאַרפאַלן, וואָס קאָן מען טאָן, מוזגאַרקאַ?... אַוועק אונזער ליבער זומער, און איצט וועלן מיר זיך מוזן פאַרקלייבן אין אונזער נאָרע אַריין...

גלייך נאָך די דאָזיגע ווערטער איז מוזגאַרקאַ אויפגעשפרונגען, און איידער דער בעל-הבית האָט זיך נאָך אומגעקוקט, איז ער שוין געווען אין שטוב.

— וואָס, האַלטסט אויך נישט פון דעם ווינטער, האַ? האָט דער אַלטער גערעדט צו זיין הונט. איינהייצנדיג די הרובע, וואָס איז געווען געמאַכט פון ווילדע שטיינער. עס געפעלט דיר ניט, האַ?

—דער פלאַם, וואָס האָט זיך געוויגט אין הרובע, האָט באַלויכטן דאָס באַנק-בעטל, אויף וועלכן דער אַלטער איז געשלאָפן, און דאָס גאַנצע ווינקל פון שטוב. פון דער פינסטער האָבן זיך געזעהן די פאַררויכערטע בער-ווענעס, וועלכע זיינען ערטערוויי געווען באַדעקט מיט שימל-און מאָך, די נעץ, וואָס איז געהאַנגען אין ווינקל, די ניט פאַרענדיגטע פאָסטעלעס, עטליכע פעלעכלאַך פון וועווריקעס, וואָס זיינען געהאַנגען אויף אַ הילצערנעם פּעקל, און נעהענטער פון אַלץ דער אַלטיטשקער—אַן געהויקערטער, גרייז-גרויער, מיט אַ שרעקליך געזיכט. דאָס דאָזיגע געזיכט איז געווען אַזוי ווי אויסגעקרימט אן אַ זייט, דאָס לינקע אויג איז אויסגערונען און איז געווען פאַרמאַכט מיט אַ געשוואָלענער וויהע. דאָך האָט די גרייז-גראָווע באָרד אַ ביסל פאַרדעקט די העסליכקייט

פאַר מוזגאַרקען איז דער אלטיטשקער געווען ניט שען און ניט מיאוס.

ביז דער אַלטיטשקער האָט אויסגעהייצט די הרובע איז דערווײַל געוואָרן ליכטיג. דער גרויער ווינטערדיגער פריהמאָרגן האָט זיך אַזוי שווער אָנגעהויבן, גלייך ווי די זון וואָלט ניט בכיוון געווען צו לייכטן. אינעווייניג, אין שטיבל האָט מען קוים געקאָנט זעהן די ווענט, בײַ וועלכע ס'האָבן זיך געצויגן עטליכע ברייטע נאַרעס פון שווערע גראָבע ברעטער. דאָס איינציגע פענסטערל, וואָס איז מער פון אַ העלפט געווען פאַרקלעפּט מיט פּיש-פּאַפּיר, האָט קוים-קוים דורכגעלאָזט די שײַן פון טאָג. — מוזגאַרקאַ איז די גאַנצע צײַט געזעסן נעבן דער שוועל און מיט געדולד באַטראַכט זײַן בעל-הבית, אָבער דאָס געדולד פון אַ הונט מוז אויך ווען עס איז האָבן אַ סוף, און מוזגאַרקאַ האָט זיך ווידער שטיל צעוואָיעט.

— באַלד, האָב צײַט. — האָט אים דער אַלטער געענפערט, צורוקנדיג דאָס קעסל וואַסער נעהענטער צום פײַער. — ווערסט נאָך צייט האָבן...

מוזגאַרקא האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, אַוועקגעלעגט זײַן קלוגן קאָפּ אויף די פעדערשטע לאַפּעס און ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון זיין בעל-הבית. און ווי נאָר דער אַלטיטשקער האָט אַרויפגעוואָרפן זײַן צעריסן טולופּל אויף די פּלייצעס, האָט זיך דער הונט פרעהליך צעהאַוקעט און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

— אָט פאַרוואָס ס'ברעכט מיר שוין דעם דריטן טאָג דער רוקן, — האָט זיך דער אַלטער אָנגערופן צום

הונט. ס׳איז דער בעסטער סימן אויף אַ געוויטער. זעה נאָר, ס׳אַרא שניי איז דאָס אויסגעפאַלן!..

—איבער איין נאַכט האָט זיך אַלץ אַרום און אַרום שטאַרק געענדערט, דער וואַלד האָט אויסגעזעהן צו זיין נעהענטער, דאָס טייַכל איז עפּיס אַזוי ווי שמעלער געוואָרן, און די נידעריגע ווינטער-וואָלקענס זיינען אַזוי ווי געקראָכן איבער דער ערד און ס׳איז געווען מאָדנע, וואָס זיי פאַרטשעפּען זיך ניט פאַר די שפּיצן פון די טענענבוימער און פיכטעס. און בכלל האָט אַלץ אויסגעזעהן אַזוי אָרים און טרויעריג, און די פּיכיגע שנייעלאך האָבן זיך געדרעהט אין דערלופטן און געפאַלן אויף דער אָפּגעשטאָרבענער ערד. דער אַלטער האָט זיך אומגעקוקט אויף הינטער זיין הייזל, דאָרט האָט זיך געצויגן דער פאַרראָסטעטער זומפּ, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך וואו-ניט-וואו געזעהן שטרויכן און פלעצלאַך באַוואָקסן מיט הארטן, לאַנגן זומפּן-גראָז. דער דאָזיגער זומפּ האָט זיך געצויגן אַן ערך פופציג ווערסט און האָט אָפּגעטיילט דאָס הייזל פון דער לעבעדיגער וועלט. און ווי קליין האָט איצט דאָס דאָזיגע הייזל אויסגעזעהן, גלייך ווי ס׳וואָלט איבער נאַכט אייַנגעוואַקסן געוואָרן אין דער ערד.

ביים סאַמע ברעג פון טייַכל איז געשטאַנען אַ קליין שיפל. מוזגאַרקאַ איז דער ערשטער אין דעם אַרייַנגעשפּרונגען, ער האָט זיך אנגעשפּאַרט מיט די פּעדערשטע לאַפּעס אין זיים פון שיפל און גענומען קוקן ארויף טייַך, אַהין, וואו ס׳האָט זיך אַרויסגעזעהן דער פאָרבאַרג, און האָט שטיל אַ וואָיע געטאָן.

— וואָס האָסטו זיך אזוי דערפרעהט?—האָט זיך דער אַלטער אָנגערופן. וואַרט. ס'קאָן נאָך זיין, אַז ס'איז גאָר-נישט.

דער הונט האָט אָבער געוואוסט, אַז ס'איז דאָרט יאָ עפּיס פאַראַן און האָט זיך ווידער צעוואָיעט. ער האָט געזעהן די פאַרזונקענע שווימערלאַך*) פון דער ווענדע**). דאָס שיפל האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַרויף טייך ביים סאַמע ברעג. דער אַלטער איז געשטאַנען אין מיטן שיפל און געטריבן עס פּאָראויס, אָפּשפאַרנדיג דאָס שיפל מיט אַ לאַנגן שטעקן. ער האָט אויך געוואוסט פון דעם הונטס וואָיען, אַז עפּיס מוז שוין דאָרט זיין. די ווענדע איז טאַקי פּונקט אין דער מיט געווען איינגע-זונקען, און, אַז דאָס שיפל איז צוגעשוואומען, האָט עס די הילצערנע שווימערלאַך אַראָפּגעצויגן נאָך טיפער.

— ס'איז דאָ, מוזגאַרקאָ!..

די ווענדע איז באַשטאַנען פון אַ גראָבער שטריק, צו וועלכער ס'זיינען אין דער גאַנצער לענג געווען צוגע-בונדן דינע שנירלאַך און ווענדקעס פון האָר. יעדער שנירל און ווענדקע האָט זיך פאַרענדיגט מיט אַ שאַרפן האַטשיק. דער אַלטער איז צוגעפאָרן צום עק פון שטריק און פּאַמעליך אָנגעהויבן ארויסציהען זי פון וואַסער. דער פאַנג איז געווען אַ גוטער: צוויי גרויסע סיגן, עטליכע סטרעליאַדעס, אַ העכט, און פינף שטיק סודאַ-קעס. דער העכט איז געווען אַ גרויסער, און דער אַלטער

*) Поплавки.

**) Снасть.

האָט זיך געגוג אנגעהאָרעוועט, ביז ער האָט אים אַרויס־באַקומען פון וואַסער. ער האָט אים פריהער פאָרזיכטיג צוגעשלעפּט צום שיפל, אים פריטשמעלעט, און ערשט נאָכדעם אַרויפגעשלעפּט אין שיפל אַריין. מוזגאַרקאַ איז די גאַנצע צייט געווען אויפ'ן נאָז פון־ שיפל און זיך צוגעקוקט צו־אַלץ, וואָס ווערט דאָ אָפּגעטאָן.

— וואָס, דו האַלטסט אויך פון סטערליאַדעס? - האָט זיך דער אלטער גערייצט מיט אים, באַווייזנדיג אַ פיש, — אָבער כאַפּן קאָנסטו ניט... וואַרט, מיר וועלן היינט אָפּ־קאָכן אַ פיש־יויך. אין אַזאַ דרויסן פאַנגט זיך בעסער... די פיש פאַרקלייבן זיך איצט אויפ'ן ווינטער אין די טייך־גריבער, און מיר וועלן זיי טאַקי פון דאָרט כאַפּן... נו, מוזגאַרקאַ, אויף היינט וועט זיין גענוג... מיר קאָנען שוין פאָרן אַהיים! די סודאַקעס וועלן מיר אויפ־הענגען און אויסטריקענען, און ערשט נאָכדעם וועלן מיר זיי פאַרקויפן די סוחרים.

דער אַלטער פלעגט זיך אַזוי נוהג זיין: פון סאַמע פריהלינג אָן פלעגט ער זיך נעמען צוגרייטן פיש פאַר די סוחרים, אַ טייל פלעגט ער טריקענען אין שטוב, אַ טייל אויף דער זון, און דעם רעשט פלעגט ער אַריינ־וואַרפן אין אַ טיפער גרוב אַריין, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ ברונים; מיט די דאָזיגע פיש פלעגט זיך מוזגאַרקאַ שפּייזן. אין משך פון גאַנצן יאָר האָבן זיך ביים אַלטן ניט אויסגעלאָזט קיין פרישע פיש. אַ צרה איז נאָר געווען מיט זאַלץ און מיט ברויט. עס פלעגט אים אָפּט אויספעלן זאַלץ צו זאַלצן די פיש און ברויט צום

עסן. שפּייז פלעגט מען אים ברענגען פון ווינטער צו ווינטער.

— אַט באַלד וועלן קומען די פורן,—האָט דער אַלטיטשקער געגעבן צו פאַרשטעהן דעם הונט,—זיי וועלן אונז ברענגען ברויט, זאַלץ און פּולווער... נאָר דאָס שטיבל אונזערס, ברודערל, איז אויף צרות.. ס'פאַלט איין, מוזגאַרקאַ!

די האַרבסטיגע טעג זיינען קורצע. און דער אַלטער פלעגט כמעט אַ גאַנצן טאָג אַרומקוקן זיין הייזל און עס פאַרריכטן, באַוואָרענענדיג זיך אויף ווינטער. דער מאָך איז כמעט אינגאַנצן אַרויסגעפאַלן, אייניגע בערוועגעס זיינען געווען צעפוילט. מ'וואָלט שוין פון לאַנג געדאַרפט איבערבויען דאָס הייזל, אָבער איינער אַליין האָט ער גאָרניט געקאָנט טאָן.

— עט, איך וועל שוין ווי-ניט-ווי איבערקומען דעם ווינטער.-האָט דער אַלטער גערעדט צו זיך אַליין, קלאַפּנדיג מיט דער האַק איבער די בערוועגעס.-און אַז די פורן וועלן קומען, וועלן מיר זעהן.

פון זינט דער שניי איז אויסגעפאַלן, האָט ער געהאַלטן אין איין טראַכטן פון די פורן, וועלכע פלעגן קומען מיטן ערשטן שליט וועגס, ווי נאָר די טייכן האָבן זיך געשטעלט. מענשן פלעגט ער זעהן נאָר איינמאָל אין יאָר. און טראַכטן איז גראָד געווען פון וואָסו מוזגאַרקאַ האָט כמעט פאַרשטאַנען יעדער וואָרט, וואָס זיין בעל-הבית פלעגט אַרויסרעדן, און ביי דעם איינעם וואָרט „פורן", פלעגט ער אָנהויבן קוקן אויפן טייך, ווי ער

וואָלט געענפערט: אָט פון וואַנען די פורן וועלן דאָס קומען, פון יענער זײַט פאַרבאַרג וועלן זיי קומען.

צו דעם הייזל איז געווען צוגעבויט אַ גרויסע ני־דעריגע קאַמער. זומער האָט דער אַלטער זי אויסגעניצט פאַר אַ קאַמער, און ווינטער פאַר אַן איינפאָר הויז. וואו די פורמאַנעס פלעגן נעכטיגן. נאָך פון אָנהויב הארבסט פלעגט דער אלטער מאַכן נעבן דעם איינפאָרהויז אַ גע־דיכטע צוים פון יונגע פענטעס, כדי צו פאַרהיטן די פערד פון קעלט. די פערד מאַטערן זיך אָן אַ גאַנצן וועג, און שוויצן, און דאָ, אַז ס'נעמט נאָך בלאָזן אַ קאַלטער מזרחדיגער ווינט! אַך, ס'אַראַ ווינט דאָס איז! אַפילו די ביימער קאָנען עס ניט איבערטראָגן און ציהען אויס זייערע צווייגן צו דער וואַרימער זייט, פון וואַנען ס'קומען פריהלינגס־צײַט צו פליהען די פייגלען.

דער אַלטער האָט געענדיגט זײַן אַרבעט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלעצל נעבן פענסטער פון זיין הייזל און זיך פאַרטראַכט. דער הונט האָט זיך אַוועק־געזעצט נעבן אים און אַרויפגעלעגט זײַן קלוגן קאָפּ אויף זײַנע קניה. פון וואָס האָט דאָס דער אַלטער גע־טראַכט? דער ערשטער שניי פלעגט אים שטענדיג דער־פרעהען, אָדער ער פלעגט אים אַרויפפירן אויף טרויעריגע געדאַנקען. ער פלעגט אים דערמאַנען דאָס אַלטע, וואָס איז פאַרבליבן דאָרט הינטער יענע בערג, פון וועלכע דער טײַך סטודיאָנאַיאַ לויפט אַראָפּ. דאָרט האָט ער געהאַט זײַן אייגן הויז, זײַן משפחה, פרײַנט און קרובים, און איצט איז שוין קיינער פון זיי ניטאָ. ער האָט זיי אַלעמען

איבערגעלעבט, און אָט וואוהין גאָט האָט אים פאַרשיקט אויף דער עלטער! ער וועט שטאַרבן און ס'וועט אַפילו ניט זיין, ווער ס'זאָל אים די אויגן צומאַכן. אָך, ווי שווער איז די איינזאַמקייט אויף דער עלטער. און דער אַרום און אַרום איז וואַלד און וואַלד, שאַ, שטיל, ס'איז ניטא מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. איין טרייסט איז אים נאָך געבליבן: דער הונט. און ליב געהאַט האָט אים דער אַלטער, נאָך מער, ווי ס'האָט ליב איין מענש דעם אַנדערן. ער איז דאָך פאַר אים געווען אַלץ און האָט אים אויך ליב געהאַט. ניט איינמאָל האָט שוין געטראָפן, אַז אויף דער יאַגד האָט מוזגאַרקאַ מקריב געווען זיין הינטיש לעבן פאַר זיין בעל-הבית, און שוין צוויי מאָל האָט אים אַ בער שיער ניט צעמזיקט פאַר זיין העלדישקייט.

ביזט דאָך שוין גאָר אַ זקן, מוזגאַרקאַ, האָט דער אַלטער געזאָגט, קוקנדיג אויף דעם הונטס רוקן.—דיין רוקן האָט זיך אויסגעגלייכט, פונקט ווי ביי אַ וואָלף, און די ציין דיינע זיינען שוין אויך ניט שאַרף, און די אויגן זיינען שוין מוטנע... עך-עך, דו אַלטער, אַלטער! ווינטער וועלן דיך נאָך די וועלף אויפפרעסן! ס'ווייזט אויס, אַז ס'איז שוין געקומען אויך אונזער צייט, צו שטאַרבן.

דער הונט האָט איינגעשטימט צו שטאַרבן אויך..
ער האָט זיך נאָר נעהענטער צוגעדריקט מיטן גאַנצן קערפּער צו זיין בעל-הבית און האָט רחמנותדיג גע-פינטעלט מיט די אויגן. און ער איז געזעסן און אַלץ גע-קוקט אויף דעם שוואַרץ געוואָרענעם טייכל, אויף דעם געדיכטן וואַלד, וועלכער האָט זיך ווי אַ גרינע וואַנט

געצויגן אויף הונדערטער ווערסט, אַהין, אַזש צום יבּ־
הקרח, אויף די בּערג, וואָס האָבּן זיך קוים־קוים געזעהן
בּײַם אויספלוס פון דער סטודיאָנאַיאַ,—ער האָט געקוקט
און זיך ניט געריררט פון אָרט, אינגאַנצן פאַרטאָן אין
זײַנע שווערע זקנישע געדאַנקען.

אָט פון וואָס דער אַלטער האָט געטראַכט:

געבּוירן און אויסגעוואַקסן איז ער אין אַ פאַר־
וואָרפן וואַלד־דערפל — טשאַפּלאַן, וואָס האָט זיך
געפונען בּײַם טײַך קאַלווא. דאָס אָרט איז געווען אַ
פאַרוואָרפענס, אַ וואַלדיגס, קיין ברויט איז דאָרט ניט
געוואַקסן, און די פויערים האָבּן געצויגן זייער חיונה
פון יאַגד, ווער פון פליטן, ווער פון פישערײַ. דאָס דאָרף
איז געווען אַן אָרימס, ווי אַלע דערפער אין טשערדינער
געגנט, און פיל מענשן פלעגן אַוועקגעהן זוכן אַרבּעט
ערגיץ אין דער פרעמד: אין די זאַלץ־גראָבּנס, אויף די
פליטן, וואָס פלעגן געהן אויפן טייךווישעראַ, און וואו
די וואַלד־סוחרים פלעגן בּויען גרויסע בּאַרזשעס, אויף
די אייזן־גיסערײַען בּײַם טײַך קאַמאַ. דער אַלטער איז נאָך
דעמאָלט געווען גאָר אַ יונגער. און גערופן האָט מען
אים אין דאָרף יעלעסקאַ שישמאַר,—די גאַנצע משפחה
האָט געהייסן שישמאַר. דער פאָטער איז געווען אַ יעגער
און יעלעסקאַ איז נאָך יינגעלווייז מיט אים אויסגעווען
וואו די קאַלוואַ האָט אַן עק. זיי פלעגן שיסן וואַלד־
הירשן, ווערוויקעס, הינער־הירשן, בּערן — אַלץ, וואָס
ס'האָט זיך געמאַכט. זיי פלעגן זיך אַוועקקאָזן אויף דער
יאַגד און ערשט אין צוויי־דריי וואָכן אַרום זיך אומ־

קערן צוריק אַהיים. נאָכדעם איז יעלעסקאַ אויסגעוואַקסן, האָט חתונה געהאַט און געוואוינט אין זײַן אייגן הײַזל אין טשאַפּלאַן. און אַליין פלעגט ער אויך ווייטער לעבן פון דער יאַגד. ביסלאַכווײַז האָט זיך זײַן געזינד פאַר־גרעסערט. ער האָט געהאַט צוויי יינגלאַך מיט אַ מיידעלע, גאָלדענע קינדער, ווען זיי וואָלטן אונטערגעוואַקסן, וואָלטן זיי געהאָלפן דעם טאַטן אויף דער עלטער. אָבער ס'איז אים, ווייַזט אויס, נישט באַשערט געווען צו האָבן קײַן נחת: יעלעסקאַ'ס משפּחה איז אויסגעשטאָרבן פון כאָלערע... דער אומגליק האָט געטראָפן אין האַרבסט, בעת ער איז מיט אַ גאַנצער חברה יעגער אַוועק אין די בערג אויף דער יאַגד, אַוועק פון דער היים און געלאָזט משפּחה. און אומגע־קערט האָט ער זיך אַן עלענדער. כמעט האַלב טשאַפּלאַן איז דעמאָלט אויסגעשטאָרבן: די כאָלערע איז אַהין גע־קומען פון דער קאַמאַ, וואוהין די טשאַפּלאַנער פויערים פלעגן אַוועקגעהן אויף אַרבעט. און זיי האָבן דאָס אַראָפּ־געבראַכט די דאָזיגע שרעקליכע קרענק, וועלכע האָט געשניטן מענשן, ווי גראָז.

אַ לאַנגע צײַט האָט יעלעסקאַ געטרויערט נאָך זײַן הויזגעזינד, אָבער אַ צווייטן מאָל האָט ער שוין ניט חתונה געהאַט: ס'איז שוין געווען צו שפּעט. און אַזוי איז ער שוין פאַרבליבן אַן עלנדער און האָט זיך נאָך מיט מער ברען גענומען צו דער יאַגד. אין וואַלד איז געווען עפּיס פרעהליכער, און דערצו נאָך איז שוין יעלעסקאַ געווען געוואוינט צו אים, און האָט זיך דאָרט געפיהלט ווי אין דערהיים. אָבער דאָ האָט מיט אים געטראָפן אַן

אומגליק. ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ בערישער נאָרע, שוין איינמאָל אַ חיה געפונען, און ער האָט שוין אפילו געהאַט אויסגערעכנט, אַז פאַר דער פעל וועט ער אין טשערדין באַקומען אַ גאַנץ פינפערל. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ בער, אָבער דאָס מאָל האָט אים ניט אָפּגעגליקט:- יעלעסקאָ האָט זיך אויסגעגליטשט און דער בער האָט אים צוגעדריקט. די צערייצטע חיה האָט אים צעמזיקט ביז צום טויט און דאָס פנים האָט ער אים מיט אַ זעץ פון דער לאַפּע אינגאַנצן אויסגעקרימט : אָן אַ זייט. קוים מיט צרות איז יעלעסקאָ צוגעקראָכן צו דער היים, און דאָרט האָט אים אַ היימישער שפּרעכער געהיילט כמעט אַ האַלב יאָר: ער איז געבליבן לעבן, אָבער ער איז געוואָרן אַ קאַליקע. ער האָט שוין ניט געקאָנט ווייַט אַוועקגעהן אין וואַלד אַריין, ווי ער פלעגט דאָס פריהער טאָן, בעת ער פלעגט טרייַבן אַ הירש אויף די סקוס זיבעציג ווערסט נאָכאַנאַנד. ער האָט שוין מער ניט געקאָנט זיך באַטייליגן אין דער הברה יעגערס, מיט איין וואָרט, ס׳האָט זיך מיט אים געטראָפן אַ שרעקליכער אומגליק.

ביי זיך אין דאָרף האָט שוין יעלעסקאָ ניט געהאַט וואָס צו טאָן. לעבן פון נדבות האָט ער אויך ניט געוואָלט, און ער איז אַוועקגעגאַנגען קיין טשערדין, צו די באַקאַנטע סוחרים, וועמען ער פלעגט פריהער פאַרקויפן זיין סחורה. אפשר וועט ווער פון זיי קריגן פאַר אים עפּיס אַרבעט, און זיי האָבן טאַקי געפונען.

— ביזט אַמאָל געווען אויפן וועג פון קאלוואַ קײַן פעטשאָראַ? — האָבן די סוחרים געפרעגט — דאָרט אויף דעם טײַך סטודיאָנאַיאַ שטעהט אַ ווינטער־הײַזל, איז אָט, ווערסטו דאָרט זײַן אַ שומר. די גאנצע אַרבעט איז אָר ווינטער־צײַט: באַגעגענען און באַגלייטן די פורן, און נאָכדעם ביזטו אַ גאַנץ יאָר פרײַ. קעסט ווערסטו האָבן אומזיסטע, מיר וועלן דיר שיקן שפּײַז, קליידער און יאַגד־מכשירים — און דו קאָנסט זיך דאָרט מסחרן אויף וואָס די וועלט שטעהט.

— ווײַטליך אַ ביסל, מײַנע האַרעלאַך... — האָט זיך יעלעסקאַ געקווענקעלט, — ווערסט דאָרט אויף הונדערט ווערסט קײַן לעבעדיגן מענשן ניט טרעפן, און ווער שמועסט נאָך זומער־צייט... זומפּן נישט דורכצוגעהן...

— ווי דו ווילסט, זיך קאָנסט אויסקלײַבן איינס פון די צוויי: אָדער שטאַרבן פון הונגער, אָדער לעבן ווי אַ מענש...

יעלעסקאַ האָט זיך באַטראַכט און פאָרט מסכים געווען. און די סוחרים האָבן אים טאַקי געשיקט שפּײַז, קליידער און פולווער בלויז אויף איין יאָר. און נאָכדעם האָט עס שוין יעלעסקאַ געמוזט קויפן פאַר זײַן אייגן געלט, וואָס ער האָט אָפּגעלייזט פון זײַן יאַגד און פישערײַ, און אָט אַזוי האָט ער דאָס געלעבט אין וואַלד. אַ יאָר געהט אַוועק, אַ יאָר קומט, און יעלעסקאַ ווערט אַלץ עלטער און עלטער. פאַר איין זאַך האָט ער זיך געשראָקן, טאָמער שטאַרבט ער, וועט אַפילו ניט זײַן ווער ס׳זאָל אים מקבר זײַן.

II.

ביז די טײַכן האָבן זיך געשטעלט און די פורן האָבן געקאָנט קומען איז נאָך געווען גענוג צײַט, און דער אַלטער האָט נאָך באַוויזן עטליכע מאָל צוגעהן אין וואַלד אַרײַן אויף יאַגד. דער וואַלד איז געווען אי־בערגעפולט מיט פעטע וואַלד־הינער. אָבער ס'האָט ניט געלוינט זיי צו שיסן, אין דער וואַרים וואָלטן זיי קאַ־ליע געוואָרן. דער אנגעשטעלטער, וואָס איז געפאָרן מיט די פורן, פלעגט מיט גרויס פאַרגעניגן שטענדיג קויפן בײַם אַלטן זײַנע וואלד־הינער, ווײַל די וואַלד־היגער פון די מקומות זײַנען געווען ווײַסע און געפּילגעוועטע, און האָבן זיך לאַנג געקאָנט האַלטן, און דאָס איז וויכ־טיגער פון אַלץ, ווײַל די סטודיאָנער וואַלד־הינער פלעגן אַזש אָנשפּאַרן קיין פּאַריז. די טשערדינער וואַלד־סוחרים פלעגן זיי אויפקויפן און זיי נאָכדעם אָפּשיקן קײַן מאָסקווע, און פון מאָסקווע פלעגט מען זיי פאַר־טיעסוויײַז אָפּשיקן קײַן אויסלאַנד. דער אַלטער האָט געקענט די גאַנצע געגנט אַרום זײַן הײַזל, אויף אַ שטח פון צוואַנציג ווערסט האָט ער כמעט געקענט יעדן בוים און פון אָנהויב זומער אָן האָט ער שוין געהאַט גע־וואוסט, וואו די וואַלד־הינער האָבן אויסגעלעגט זייערע אייער, וואו די יונגע עופעלאַך האָבן זיך געשפּײַזט און געפּיטערט. און ווען די עופעלאַך זײַנע אונטערגעוואַקסן, האָט ער אויך געוואוסט וויפיל הינדלאַך ס'איז פאַראַן אין יעדער געזינדל. אָבער פאַר זיך אַליין פלעגט ער קיינמאָל ניט הרגענען אַפילו קײַן איין הינדעלע ניט,

ווײַל דאָס איז געווען זײַן בעסטע און טײַערסטע סחורה: פאַר וואַלד־הינער פלעגט ער דאָס וויכטיגסטע באַקומען — פולווער און שרויט.

די הײ־יאָריגע יאַגד האָט זיך אים אײַנגעגעבן מער פון אַלע מאָל: ער האָט באַוויזן צוגרייטן מער פון דרייסיג פאָר און האָט זיך נאָר געשראָקן פאַר איין זאַך — טאָמער וועט אָנהויבן לאָזן, און די פורן וועלן זיך פאַר־האַלטן אין וועג. אַזאַ זאַך האָט זיך אַפילו זעלטן ווען געמאַכט אויף דער סטודיאַנאַיאַ, אָבער דאָך האָט עס אַמאָל געקאָנט טרעפן אויך.

— נו, איצט האָבן מיר זיך אַ ביסל באַזאָרגט מיט פּראָוויאַנט אויך, – האָט דער אַלטיטשקער דערקלערט זײַן הונט, מיט וועלכן ער פלעגט זיך צונויפריידן, ווי מיט אַ מענטשן. – און ביז די פורן וועלן פירן ברויט קיין פּע־טשאָראַ, וועלן מיר זיך פאַרדינען אויף עסן אויך... דער עיקר איז זאַלץ. מיט דעם זעהסטו, דאַרפן מיר זיך באַזאָרגן, ס'זאָל אונז קלעקן אויף אַ גאַנץ יאָר. ווען מיר זאָלן האָבן זאַלץ, וואָלטן מיר געווען רײַך, טאַקי אמתע גברים...

דער אַלטער פלעגט תמיד רעדן פון זאַלץ.

— אַך, ווען איך זאָל האָבן זאַלץ, וואָס וואָלט מיר, אַ שטייגער, געפעלט?

איצט פלעגט ער כאַפּן פיש בלויז פאַר זיך אַליין, און די איבעריגע פלעגט ער טריקענען, אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָבן דאָס געטריקנטע פיש? ווען ער זאָל אָבער האָבן זאַלץ, וואָלט ער די פיש געזאַלצן,

ווי דאָס טוען די פּעטשאָרער סוחרים, און וואָלט פּאַר זיי אָפּגעלייזט צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי איצט. אָבער זאַלץ האָט געקאָסט שרעקליך טײַער, און מ'האָט כאָטש גע־דאַרפט קויפן אַ פוד צוואַנציג, — וואו זשע נעמט מען אַזאַ מטמון געלט, אַז מ'קומט קוים דורך אַזוי אויך. דערהויפּט פלעגט עס אים אַרן זומער־צײַט, ווען ער פלעגט אַמאָל שיסן אַ הירש: דאָס פרישע פלייש ווערט גלײַך קאַליע. צוויי טעג קאָן מען עס נאָך עסן, און נאָכדעם—נעם און וואַרף עס אַרויס! געטריקנט הירשן־פלייש־איז האַרט ווי האָלץ.

און אָט האָט זיך געשמועסט די סטודיאָנאַיאַ אויך. דאָס קאַלטע באַרג־וואַסער פרירט ניט אַזוי גיך, און נאָכדעם ווערט אַפילו דאָס אײַז אויך דורכגעגעסן דורך די קוואַלנדיגע פּאָלאָנקעס־דאָס שלאָגן די קוואַלן פון דער ערד אַרויס. דער אַלטער האָט איצט צוגעגרייט אַ סך פרישע פיש, וועלכע ער פלעגט איצט קאָנען פרירן פונקט אַזוי, ווי די וואַלד־הינער. ס'איז נאָר שלעכט, געוועז וואָס די צײַט איז געוועזן קורץ. יעדן טאָג האָבן געקאָנט אָנקומען די פורן.

— אָט באַלד, מוזגאַרקאַ, וועלן די פורן קומען און אונז ברענגען עסן.

אייגענטליך, איז דאָס ברויט בײַ אים אויסגעגאַנגען בײַ די ערשטע פרעסט, און ער פלעגט שוין צומישן צום ביסל מעל, וואָס איז אים געבליבן, צעשטויסענע געטריקנטע פיש. עסן פלייש מיט פיש אָהן ברויט האָט ער ניט געקאָנט. אין דריי טעג אַרום ווערט עס נמאס,

מ׳קאָן עס פשוט אין מויל ניט נעמען. אמת טאַקי, די סאַמאָיעדן און די וואָגולן שפּײַזן זיך נאָר מיט פיש, ווייל זיי זיינען שוין דערצו געוועהנט, אָבער דער רוס איז געוועהנט צו ברויט און קאָן אָהן דעם ניט לעבן.

די פורן זײַנען געקומען אומגעריכט. דער אַלטער איז געשלאָפן, און מיט־אַמאָל האָט זיך דערהערט דאָס סקריפּען פון רעדער און געשרייען.

—היי, זיידעשי, לעבסט נאָך? .. געסט זײַנען געקומען, שוין לאַנג זיך ניט געזעהן!

דער אַלטער איז געוועזן זעהר איבערראַשט, וואָס מוזגאַרקאַ איז פאַרשלאָפן די פורן. געוועהנליך פלעגט ער זיי דערפיהלן, בעת זיי זײַנען נאָך געוועזן צוויי ווערסט פונ׳ם הײַזל, און הײַנט האָט ער זיי פאַרשלאָפן. ער איז אָפילו ניט אַרויסגעלאָפן פון שטיבל צו בילן אויף די פערד, ער האָט זיך אַ פאַרשעמטער פאַרקליבן אונטערן באַנק-בעטל און אַפילו קיין פּיפּס ניט געטאָן.

—מוזגאַרקאַ, ביזט פון זינען אַראָפּ!..— האָט זיך דער אַלטער געוואונדערט.— פאַרשלאָפן די פורן.. אַך, דאָס איז ניט גוט!..

דער הונט איז אַרויסגעקראָכן פון אונטערן בעטל, אַ לעק געטאָן זײַן האַנט און איז ווידער פאַרשוואונדן, ער האָט זיך אַליין געפיהלט שולדיג.

— עך, ער איז שוין אַלט געוואָרן, דעם חוש הריח פאַרלאָרן,—האָט דער אַלטער זיך געקלאָגט, און ער איז שוין טויבליך אויף דעם לינקן אויער אויך.

געקומען זײַנען אַ פורן פופציג... די שטענדיגע

סוחרים פלעגן מיטן ערשטן שליט וועגס שיקן קיין פע-
טשאָראַ ברויט, זאַלץ, פאַרשיידענע עסנוואַרג און משכירים
צו כאַפּן פיש, און פון דאָרט פלעגן זיי אַרויספירן פרישע
פיש. און דערצו האָט מען זיך געדאַרפט איילן, כדי צו
ברענגען די פיש פריהער פון אַנדערע, — ס׳רוב איז
איז דאָס געווען פעטשאָרער ס׳אָמגאַ, וועלכע האָט גע-
האַט אַ שם אין דער וועלט. די פורן האָבן געדאַרפט
דורכמאַכן דעם שווערן וועג אין משך פון צוויי וואָכן,
און די פורמאַנעס פלעגן שלאָפן נאָר דעמאָלט, ווען די
פערד פלעגן זיך אָפּשטעלן איבערכאַפּן דעם אָטעם און אָפּ-
עסן. דערהויפּט פלעגט מען זיך איילן צוריקוועגס. דע-
מאָלט האָט מען זיך שוין אין ערגיץ ניט אָפּגעשטעלט,
און דער וועג איז געווען אַ שרעקליכער, ס׳רוב איז
אויסגעקומען צו פאָרן דורך בערג. דער וועג איז אַ
שטיינערדיגער, די שליטנס זיינען ניט קיין אונטערגע-
שמידטע, און איבער די טייַכלאַך איז דאָס אייז צעאַקערט
און צעשווענקט. די בעסטע פערד פלעגן דאָ אומקומען,
און די מענשן פלעגן אַרבעטן איבער די כוחות: אַרויפ-
שלעפּן אויף די אייגענע פּלייצעס דעם וואָגן אויף אַ
באַרג, אַרויסשלעפּן אים פון וואַסער, פון צעאַקערטן
אייז. און בלויז די קאָלוער פורמאַנעס פלעגן זיך נעמען
צו דער דאָזיגער שווערער פאַרשאָלטענער אַרבעט, ווייל
דערצו פלעגט זיי טרייַבן די נויט.

אינ׳ם ווינטער-הייזל אויף דער סטודיאָנאַיאַ פלעגן
זיך די פורן אָפּשטעלן. אנשטאָט צוויי, פלעגן דאָ די
פערד רוהען גאַנצע פיר שעה. די קאָזאַרמע פלעגט

דער אַלטער נאָך פריהער אויסהייצן, די פורמאַ־נעס האָבן אַריינגעפירט די פערד אין איינפאָרהויז און זיי געגעבן עסן, און אַליין האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אויף די נאַרעס אין באַלד איינגעשלאָפן. נאָר איינער איז ניט געשלאָפן, דאָס איז געווען אַ יונגער אָנגע־שטעלטער, וועלכער איז דאָס ערשטע מאָל געפאָרן קיין פעטשאָראַ. ער איז געזעסן ביים אַלטיטשקן און שטיבל און מיט אים געשמועסט.

— און דו האָסט גאָר קיין מורא ניט צו וואוינען אין וואַלד, זיידעשי?

— און פאַרוואָס זאָל איך מורא האָבן? שוין דער־צו געוועהנט געוואָרן. פון קליינערהייט אן אויסגע־וואַקסן אין וואַלד.

— ווי־זשע האָט מען דאָס ניט מורא: איינער אַליין אין וואַלד?...

— איך האָב מיר אַ הונט... פאַרברענגען מיר זיך ביידע די צייט. ווינטער צייט קומען אַן סטאַדעס וועלף, זאָגט ער מיר נאָך פריהער אָן ווען זיי וועלן קומען צו גאַסט. ער דערפיהלט... ער איז אַ דורכגעטריבע־נער: ער פאַרפירט זיי נאָך אַליין, זיי גיבן זיך אַ לאָז נאָך אים, און איך טרעף זיי מיט דער ביקס.. אַ קלוגער הונט! ער קאָן נאָר ניט רעדן, ווי אַ מענש. איך ווער צו אים שטענדיג, ווען ניט, קאָן מען זיך נאָך אָפּגע־וועהנען צו רעדן...

— און וואו האָסטו אים באַקומען, זיידעשי?

— גאָט האָט מיר אים צוגעשיקט.. מיטאָר עס אַפילו

ניט זאָגן, אָבער ס׳איז פּאַרט אַזוי. ס׳איז שוין אַ מעשה פון אַ יאָר צעהן... שוין זעהר לאַנג איז דאָס געווען. ווינטער־צײַט בין איך מיר איינמאָל אויף מיינע סקוס אַוועק, אין די בערג נאָכשפּירן הירשן... געהאַט האָב איך מיר דעמאָלט אַ הינטל, פון קאָלוואַ האָב איך עס מיר נאָך געבראַכט. נו, מ׳קאָן קיין טענה ניט האָבן, אַ גאַנץ נישקשהדיג הינטל: ער פּלעגט זיך לאָזן נאָך אַ חיה, אויסשפּירן אַ פּיגל, אַ וועווֶוריק,—אַלץ ווי ס׳דאַרף צו זײַן... איז אָט, געה איך מיר מיט אים אין וואַלד, און פּלוצים, אַז אָט דער מוזגאַרקאַ גיט דאָס אַ שפּרונג צו מיר! ער האָט מיך אַפילו איבערגעשראָקן... ס׳איז בײַ אונז ניט שייך, אַז אַ יאַגד-הונט זאָל אַזוי צוגעהן צו אַ ווילד־פרעמדן און באַלד היימיש ווערן, ווי ס׳זאָל זײַן בעל-הבית זײַן, און ער — האָט זיך גלײַך אַלאַז געטאָן צו מיר. זעה איך, אַז ס׳איז עפּיס ניט גלאַט. און ער קוקט אַלץ אויף מיר מיט קלוגע אויגן, און פּירט מיך אַלץ ווייטער. און וואָס מיינסטו, ברודערל מײַנער, ער האָט מיך טאַקי צוגעפירט! זעה איך אין טאָל עפּיס אַ מין ביידל פון צווייגן און פון ביידל געהט אַ פּאַרע... געה איך צו. אין בײַדל ליגט אַ וואָגיל, אַ קראַנקער. הײַסט עס, און ער איז אָפּגעשטאַנען פון זײַן קאָמפּאַניע. פּשוט: אַ מענש שטאַרבט. ער איז קראַנק געוואָרן אין מיטן דער יאַגד, און די איבעריגע ווערן דאָך אויף אים ניט וואַרטן. אַז ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער זיך דערפרעהט, און קאָן קיין וואָרט ניט אַרויסרעדן, קוים ער זשיפּעט... ער דערצעהלט מער מיט די הענט... איז אָט, האָט ער

דאָס מיך געבענשט מיט דעם דאָזיגן הונט... ער איז גע-שטאָרבן אויף מיינע הענט, און איך האָב אים מקבר געווען אין שניי. פאַרדעקט מיט צווייַגן און פון אויבן האָב איך נאָך צוגעפרעסט דעם קבר מיט אַ קלאָץ, די וועלף זאָלן אים ניט אויפעסן. און מוזגאַרקאַ איז, הייסט עס, שוין ביי מיר געבליבן... דאָס האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן נאָכן טייַכל, נעבן וועלכן דער וואָגול איז גע-שטאָרבן: דאָס טייַכל הייסט מוזגאַרקאַ, נו, האָב איך דעם הונט אויך אַזוי אָנגערופן... ער איז אַ קלוגער, פאַר-שטאַנדיגער הונט... געהט דורך דעם וואַלד, איז כאָטש נעם אַ בעזים און קער אויס — וועסט שוין גאָרניט געפינען. מיינסט אַוודאַי, אַז ער פאַרשטעהט ניט, אַז מ'רעדט איצט פון אים? ער פאַרשטעהט אַלץ.

— פאַרוואָס ליגט ער דאָס אונטערן בעטל?

— ער שעמט זיך, ער האָט די פורן פאַרשלאָפן. ער איז שוין אַלט געוואָרן. ער האָט מיר צוויי מאָל געראַטעוועט דאָס לעבן פון אַ בער: דער בער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף מיר, און ער האָט אים אָפּגעשטעלט. פריהער, אַז איך בין נאָך געווען בכוח, פלעג איך מיט אַ ראָגאַטקע זיך לאָזן געהן אויף בערן, און נאָכדעם, אַז איינער האָט מיך צעמזיקט, מוז איך שוין זעהן אים אַוועק-פּטר'ן מיט דער ביקס. זעהסטו, צו אים דאַרף מען אויך האָבן שכל, ווי אים אַרויסצובאַקומען: אַ שכלדיגע חיה.

— נו, ווינטער-צייַט מוז דיר, מסתמא, זייַן אומעטיג איינער אַליין צו זיצן אין שטיבל?

— שוין געוועהנט געוואָרן... נאָר, אַז ס'קומט יום-

טוב-צייט, ווערט עפּיס אומעטיג אויפ׳ן האַרצן. מענשן פרעהען זיך, און בײַ מיר אונטערן פענסטער וואָיען וועלף.

דער אָנגעשטעלטער איז זעהר אַ וואוילער בחור, נאָך אַ יונגער, און אַלץ וויל ער וויסן. יעלעסקאַ האָט זיך דערפרעהט, וואָס ער קאָן אים אויסדערצעהלן אַלץ פון זײַן איינזאַמען, פאַרוואָרפענעם לעבן אין וואַלד.

— איך האָב מיר אויך מײַנע ימים-טובים, מײַן פריינט. פריהלינגס-צײַט, בשעת די פויגלען הויבן אָן צו פליהען פון די וואַרים-לענדער, איז בײַ מיר דער גרעסטער יום-טוב. און וויפיל קומען דאָס צו פליהען: אַ וועלטן די גאַנצע סטודיאַנאַיאַ איז אַזוי ווי באַשאָטן מיט זיי. און כּלערליי פויגלען וועסטו דאָ געפינען — אי קאַטשקעס, אי גענז, אי שוואַנען, אי מעוועס, אי גאַגאַרעס. געהסט אַרויס אינדערפריה — הערט זיך אַזש אַ זיפצן איבער דער סטודיאַנאַי אַ און ס׳איז גאָר ניטאָ קיין שענער באַשעפעניש, ווי די פויגלען-טאַקי גאָטס באַשעפענישן.. טריזנטער ווערסט פליהען זיי, ווערן מיד, אויסגעמאַטערט און צופרידן פונ׳ם מקום-מנוחה. געקומען צו פליהען, אָפּגערוהט אַ טאָג און באַלד זיך גענומען בויען אַ נעסט פאַר זיך. און איך געה מיר אַרום און קוק זיך צו: גאָט האָט מיר געסט צוגעשיקט און ווי זיי פלאַפּלען דאָס! הערסט אַמאָל זיך צו, הערבסט, און אין דײַנע אויגן שטעהען טרערן.

ס׳אַראַ ליבע באַשעפענישן זײַנען דאָס די זומער-פויגלען! איך ריר זיי קיינמאָל ניט, ווײַל זיי זײַנען פון גאָט געשיקט. און אַז זיי נעמען נאָך בויען זייערע נעסטן,

איז עס טאַקי אַ ברכה פון זײַן ליבן ואָמען. אַ מענש וועט אַזוינס ניט אויסבויען. און נאָכדעם לאָזן זיך די מוטערס מיט זייערע עופעלאַך אַרויס אויף דער סטו-דיאָנאַיאַ. ס׳אַראַ שענקייט, אַ מחיה צו קוקן. זיי שווימען זיך, פליוסקען זיך און פילדערן. דער זומער געהט פאַר מיר דורך, ווי אַן אמתער יום־טוב. און אין האַרבסט קלײַבן זיי זיך ווידער צונויף אין שאַרעס: שוין צײַט זיך צו לאָזן אין ווײַטן וועג. און זיי טוען דאָס, זאָלסט זעהן, פונקט ווי מענשן: פילדערן, רעש׳ן, לערנען די יונגע, און נאָכדעם נעמען זיי און הויבן זיך אויף. גאַנץ פריה הויבן זיי זיך אויף און פליהען אַוועק, און בראש פון זיי אַלטע מען פליהט דער פירער. און ס׳זיינען פאַראַן צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס פאַרבלײַבן דאָ אויפן ווינטער: שוואַכע אָדער גאָר יונגינקע: וואָס האָבן זיך שפעט אויסגעפיקט פון די אייער. ס׳איז פשוט אַ רחמנות אויף זיי צו קוקן. זיי שרײַען, נעביך, בעת איבער זיי-ערע קעפ נעמען פליהען אַ שאַרע נאָך אַ שאַרע. די סטודיאָנאַיאַ הויבט אָן צו פרירן. שווימען זיי און שווימען ווייט פון ברעג, וואו דאָס וואַסער איז נאָך ניט פאַר-פרוירן, און נאָכדעם דרעהען זיי זיך אין די פּאָלאָנקעס. נו, זעהסטו, שיס איך שוין פון רחמנות! פאַרוואָס זאָלן זיי זיך דאָס מאַטערן, אלצאיינס וועלן זיי אומקומען. און שוואַנען האָב איך אויך דאָ אויפן ברעג, אין די זומפן. איטליך באַשעפעניש אין זײַן אָרט. איינס, זעהסטו, מײַן ליבער פרײַנט, פעלט מיר: שוין עטליכע יאָר, אַז איך בעט די פורמאַנעס, זיי זאָלן מיר ברענגען אַ האָן. ווינטער זײַנען די נעכט לאַנג, אָהן אַ סוף, און דער האָן וואָלט

מיר אַנגעזאָגט, ווי שפּעט ס'איז.

— נו, נו, איך וועל דיר שוין ברענגען, צוריקוועגס אַז גאָט וועט העלפן, וועל איך דיר שוין ברענגען אַ האָן, שוין איינמאָל אַ האָן.

— אָט־אָט, וואָלסט פּשוט מחיה געווען אַן אַלטן מענשן. אין דרייען וואָלט אונז פרעהליכער געוואָרן! איז אומעטיגליך אַ ביסל, ס'וועדט עפּיס קאַ־ווינטער איז אומעטיגליך אַ ביסל. ס'ווערט עפּיס קאַ־לאַמוטנע אויפן האַרצן פון דער טויטער שטילקייט, און דער האָן וואָלט געקרעה'ט און ס'וואָלט געוואָרן פרעה־ליכער. ס'איז ניט קיין פּשוט באַשעפעניש, דער האָן, ניט געפינען נאָך אַזאַ בריאה, וואָס זאָל די שעה אויס־קרעהען, און ער איז טאַקי צוליב דעם באַשאַפן געוואָרן, ער זאָל דינען דעם מענשן.

דעם אָנגעשטעלטן האָט מען גערופן פלעגאַנט, ער האָט געגעבן דעם אַלטן יעלעסקאַן אי מעל, אי זאַלץ, אי אַ נייַ העמדי, אי פּולווער, און צוריקוועגס פון פּעטשאָראַ האָט ער אים אויך געבראַכט אַ מתנה.

— זיידעשי, איך האָב דיר געבראַכט אַ זייגער, — האָט ער פרעהליך אַ זאָג געטאָן, דערלאַנגענדיג דעם אַלטן דאָס זעקל מיט'ן האָן.

— אַך, אָט דאָס הייסט אַ טייערער, וואוילער בחור! מיט וואָס וועל איך דיר דאָס קאָנען אָפּדאַנקען? נו, זאָל דיר גאָט געבן, וואָס דו ווינשסט זיך אַליין. מוזט דאָך, אוודאי, האָבן ערגיץ וואו אַ כלה.

— יאָ זיידעשי, פאַראן, — האָט פלעגאַנט פרעהליך געענ־פערט, אַ טרייסל טוענדיג מיט זיינע ווייַס־פלאַקסענע האָר.

— נו, וועל איך זיך שוין סטאַרען אַ סויבל צו-גרייטן פאַר דײַן כלה. איבעראיאָר, אַז דו וועסט פאָרן קיין פעטשאָראַ, וועל איך אים דיר צוגרייטן. איך האָב אים שוין אַפילו באַמערקט.

די פורן זײַנען אַוועקגפאָרן, און דער אַלטער איז זיך ווידער געבליבן איינער מיטן האָן. ס'אַראַ פרייד! אַ קיילעכדיג הענדל, דאָס קעמעלע—אַ רויטס, געהט עס זיך אַרום איבערן שטיבל און איטליכס פעדערל שפּילט, און בײַנאַכט, ווען ער נעמט דאָס קרעהען, ס'אַראַ פרייד, ס'אַראַ נחת! אַלע פריהמאָרגן פלעגט דער אַלטער שמועסן מיטן האָן, און מוזגאַרקא פלעגט הערן.

— וואָס ביזט אים מקנא, אַלטער? — פלעגט דער אַלטער רעדן מיטן הונט. דו ווייסט נאָר איין זאַך - ביקן. אָבער פרוב נאָר און טו אַ קרעה, ווי אַ האָן!

און דער אַלטער האָט באַמערקט, אַז מוזגאַרקאַ איז שוין עפּיס ניט דאָס, וואָס געוועזן. ער געהט עפּיס אַרום אַזוי אומעטיג, אָפּגעלאָזן. עפּיס איז ער ניט מיט אַלע-מען. ס'קאָן זײַן, אַז די פורמאַנעס האָבן אים אַ גוט אויג געגעבן.

— מוזגאַרקאַ, וואָס איז מיט דיר, טײַערינקער? וואָס טוט דיר וועה?

ליגט זיך מוזגאַרקאָ אונטערן בעטל, דעם קאָפּ אויף די לאַפּעס אַוועקגעלעגט און פינטעלט מיט די אויגן.

דער אַלטער איז אַזש צעטומעלט געוואָרן: אַזאַ אומגעריכטער אומגליק! און מוזגאַרקאַ ליגט אַלץ, ער עסט ניט, שלאָפט ניט און לאָזט זיך אַפילו ניט הערן.

— מוזגאַרקאַ, טײַערינקער מײַנער!

— מוזגאַרקא האָט אַ מאַך געטאָן מיטן עק, ער איז צוגעקראָכן צו זײַן בעל־הבית, אים אַ לעק געטאָן די האַנט און שטיל זיך צעוואָיעט. אַך, ליבער, ס'איז שלעכט, ס'איז ביטער!

III.

דער ווינט שפּאַצירט אַרום איבער דער סטודיאָנאַיאַ, טרײַבט אָן בערג מיט שניי, בלאָזט און פײַפט איבער וואַלד, ווי אַ סטאַדע הונגעריגע וועלף זאָלן דאָס וואָיען, און יעלעסקאָ'ס הײַזעלע איז אינגאַנצן פאַרטרונקען געוואָרן אין שניי, ס'שטאַרצעט מער ניט אַרויס דער קוימען, פון וועלכן ס'שלענגעלט זיך אַ דין, געקרײַזלט בלוי רויכעלע...

די פּורגאַ*) וואָיעט שוין די אַנדערע וואָך! שוין צוויי וואָכן, ווי דער אַלטער איז ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון זײַן הײַזל און זיצט דאָרט אַלץ מיט זײַן קראַנקן הונט, און מוזגארקא ליגט און זשיפּעט קוים. מוזגארקא שטאַרבט.

— ליבענקער מײַנער...—ווינקט דער אַלטער און קושט זײַן געטרײַען פרײַנט. — טײַערער, זאָג, וואָס טוט דיר וועה?...

און מוזגארקא ענפערט גאָרניט. ער האָט שוין לאַנג דערפיהלט דעם טויט און שווײַגט. דער אַלטער ווײַנט, ווערט אויס מענש און קאָן גאָרניט טאָן: פון טויט איז קיין רפואה ניטאָ. אַך, ס'אַרא וועהטאָג, דאָס האַרץ ווערט אַזש צעריסן!..

*) אַ שניי־שטורעם.

מיט מוזגארקאַ׳ן איז אָפּגעשטאָרבן דעם אַלטנס לעצטע האָפענונג. אוי, ס׳איז אים שוין גאָרניט, גאָרניט געבליבן אויסער דעם טויט. ווער וועט אים איצט אויסזוכן אַ וועווע־ריק, ווער וועט אים איצט בילן אויף אַ וואַלד־הון, ווער וועט אים איצט אויסשפּירן אַ הירש? — ס׳הייסט פּשוט שטאַרבן אָהן מוזגארקאַן, אויסציהען זיך און שטאַרבן פון הונגער. דאָס ברויט וועט קוים קלעקן נאָך אויף אַ חודש, און נאָכדעם, כאָטש נעם ציה זיך אויס און שטאַרב...

די פּורגאַ יאָמערט, און דער אַלטער זיצט און טראַכט, ווי ער האָט דאָס געלעבט מיט מוזגארקאַן, ווי ער איז מיט אים געגאַן אויף דער יאַגד און זיך פאַרדינט דאָס שטיקל ברויט. וואָס וועט ער איצט טאָן אָהן אַ הונט?

און דאָ זיינען נאָך די וועלף געקומען... זיי האָבן דערפיהלט דעם אומגליק, און זיינען געקומען צום הייזל און אָנגעהויבן וואָיען. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי אָפּגעוואָיעט, דאָס האַרץ האָט זיך אים שיער ניט צע־ריסן. ניטאַ שוין ווער ס׳זאָל זיי איבערשרעקן, בילן אויף זיי און פאַרנאַרן צו אים, ער זאָל זיי קאָנען שיסן...

אין דער אַלטער האָט זיך דערמאַנט די מעשה, וואָס האָט זיך מיט אים געטראָפן, אַ מעשה מיט אַ בער אַ נע־ונדניק. מיט דעם דאָזיגן נאָמען רופט מען די בערן, וועלכע האָבן ניט באַוויזן אַריינצוקריכן צו דער צייט אין זייער נאָרע, און וואַנדלען אַרום אַ גאַנצן ווינטער איבערן וואַלד. אַ נע־ונדניק איז די געפערליכסטע חיה... איז אָט, האָט אַזאַ מין בער דערשמעקט דעם אַלטנס הייזל מיט׳ן ביסל עסנוואַרג. ווי ס׳פלעגט נאָר ווערן נאַכט

ער איז שוין דאָ. צוויי מאָל איז ער אַפילו אַרויפגע־
קראָכן אויפן דאַך און גענומען צעשאַרן דעם שניי מיט
די לאַפּעס. נאָכדעם האָט ער אויסגעבראָכן די טיר פון
דער קאַזאַרמע, און האָט אַוועקגעשלעפּט אַ גאַנצן זאַק
מיט פיש. דער בער איז אים פּשוט דערגאַן די יאָרן,
דער אַלטער האָט עס שוין מער ניט געקאָנט איבער־
טראָגן, איז ער אין כעס געוואָרן אויף אים, אָנגעלאָדן די
ביקס און איז אַרויסגעגאַן צו אים מיט מוזגאַרקאַ'ן. דער
בער איז גלייך אַרויף אויפן אַלטן און וואָלט אים געוויס
געווען צעמזיקט, איידער ער וואָלט נאָך באַוויזן אויס־
צושיסן אין אים, אָבער מוזגאַרקאַ האָט אים געראַטע־
וועט. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם בער פון הינטן און
אים אַוועקגעזעצט אויף די הינטערשטע לאַפּעס, און יע־
רעסקאַס קויל האָט פון ניט טרעפן ניט געוואוסט... און
דאָס איז דען דער איינציגער פאַל, וואָס דער הונט האָט
אים געראַטעוועט פון טויט?...

פונקט ערב ווינטער־חגא איז מוזגאַרקאַ אויסגע־
גאַן. ס'איז געווען אין מיטן מאַרט, אין דרויסן איז גע־
ווען אַ מוראדיגער, קנאַקנדיגער פראָסט. יעלעסקאַ איז
געלעגן אויף זיין באַנק־בעטל און געדרימלט. פּלוצים
האָט אים אַזוי ווי אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן. ער איז
גלייך אַראָפּגעשפּרונגען, צעבלאָזן דאָס פייער, אָנגעצונדן
אַ קינדל און איז צוגעגאַן צום הונט, — מוזגאַרקאַ איז
שוין געווען טויט.—מוזגאַרקאַ, מוזגאַרקאַ... — האָט דער
אַלטער געוויינט, קושנדיג זיין טויטן פריינט.—וואָס וועל
איך טאָן אָהן דיר?

יעלעסקאַ האָט ניט געוואָלט, אַז די וועלף זאָלן אויפעסן זײַן טויטן מוזגאַרקאַן, און ער האָט אים באַגראָבן אין קאַזאַרמע. דרײַ טעג נאָכאַנאַנד האָט ער געהאַקט די פאַרפרוירענע ערד, און, אַ קבר געהאַקט און מיט טרערן אין די אויגן באַגראָבן זײַן אײנציגן איבערגעגעבענעם פרײַנט.

געבליבן איז אים נאָר דער האָן, וועלכער פלעגט ווי אַלע מאָל וועקן אים בײַנאַכט פון שלאָף. דער אַלטער פלעגט זיך אויפכאַפּן און זיך דערמאַנען אָן מוזגאַרקאַ'ן. און ס'פלעגט אים ווערן אַזוי קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן. ס'איז אַפילו ניטאָ מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. מ'קאָן ניט זאָגן, דער האָן איז טאַקי אַ טײַערער, אויסגעצייכנטער פויגל, אָבער ניט מער, ווי אַ פויגל, און הויבט גאָר ניט אָן צו פאַרשטעהן.

— עך, מוזגאַרקאַ! — פלעגט דער אַלטער איבערחזרן עטליכע מאָל אין טאָג, פיהלנדיג, אַז אַלץ הויבט אים שוין אָן צו פאַלן פון די הענט.

אומגליקליכע מענשן סטאַרען זיך צו פאַרגעסן זייערע צרות בעת דער אַרבעט. אַזוי איז עס אויך דאָ געווען. דאָס ברויט איז שוין אויסגעגאַן, און ס'איז שוין צײַט געווען, אַז יעלעסקאַ זאָל אַ טראַכט טאָן פון זיך אַליין. און דער עיקר האָט ער געפיהלט, אַז ער קאָן שוין מער ניט פאַרבלײַבן איינער אַליין אין שטיבל.

— עך, איך וועל אַלץ אַוועקוואַרפן, איך וועל מיר געהן צו דער קאַלוואַ, און ס'קאָן זײַן, אַז איך וועל מיך נאָך קאָנען דערקלײַבן קײַן טשערדין! — האָט דער אַלטער באַשלאָסן.

ער האָט צורעכטגעמאַכט די סקוס. אויף וועלכע ער האָט נאָך יונגערהייט געטריבן הירשן, געמאַכט זיך אַ זעקל, אַהין אַרייַנגעלעגט דעם רעשט ברויט. וואָס האָט אים געקאָנט קלעקן אויף פינף טעג, זיך געזעגנט מיט מוז-גארקאַס קבר און זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַרייַן. ס'איז אַ רחמנות געווען אויפן האָן' אים צו לאָזן אַליין, און יעלעסקאַ האָט אים מיטגענומען מיט זיך; ער האָט אים אַרייַנגעזעצט אין זעקל און געטראָגן אויף די פּלייצעס. דער אַלטער איז אַוועק ביזן שטיינערדיגן פּארבארג, ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף זייַן הייזל און זיך געזעגנט; ס'איז אים אַ שאָד געווען דאָס ווארימע, אייַנגעזעסענע שטיבל, וואו ער האָט אַזוי פיל טעג און נעכט פאַרבראַכט.

— מוזגארקאַ, מוזגארקאַ...

דער וועג איז געווען אַ שווערער. פריהער איז אויסגעקומען צו געהן אוף די סקוס איבער דער סטודיאַ-נאַיאַ. דאָס איז געווען זעהר גרינג, אָבער נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן בערג, און דער אַלטער איז געבליבן אָהן כּוחות, אַמאָל פלעגט ער, ווי אַ הירש, אַרומלויפן איבער די בערג און איצט קוים צוואנציג ווערסט געמאַכט און האָט שוין קיין כּוח ניט. כאָטש נעם ציה זיך אויס און שטאַרבן... האָט ער זיך אויסגעגראָבן אין שניי אַ טיף גריבל, אויסגעבעט מיט צווייַגעלאך, צעלעגט אַ פייַערל, אָפּגעגעסן, און זיך אַוועקגעלעגט אָפּרוהען. דעם האָן האָט ער צוגעדעקט מיטן זעקל... ער איז געווען שרעקליך מיד און איז באַלד אייַנגעשלאָפן. ווי לאַנג ער איז גע-

שלאָפן, ווייסט ער ניט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פונ׳ם האַנס קרעהען.

— וועלף...—איז אים געקומען אויף דער מחשבה.

ער וויל זיך אויפהויבן, און קאָן ניט, גלייך ווי עמיצער האָט אים צוגעבונדן מיט שטריק. ער קאָן אַפילו די אויגן ניט אויפעפענען... דער האָן האָט ווידער אַ געשריי געטאָן און איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן, אַ וואָלף האָט אים אוועקגעשלעפּט פון גרוב צוזאַמען מיטן זעקל. דער אַלטער וויל זיך אויפהויבן, ער שטרענגט אָן אַלע כוחות און פּלוצים דערהערט ער אַ באַקאַנט ביקן: גלייך ווי ערגיץ־וואו אונטער דער ערד בילט מוזגאַרקאַ. יאָ, יאָ, ס׳איז ער... נעהענטער, נעהענ־טער, פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט אים מיט זיין חוש־הריח אויסשפּירן! אָט איז ער שוין גאָר נאָהענט. נעבן כּאַמע גרוב... יע לעסקאַ עפנט די אויגן און זעהט, ס׳איז טאַקי מוזגאַרקאַ, און מיט מוזגאַרקאַן איז געקומען דער זעלבער וואַגול, זיין בעל־הבית, וועלכן ער האָט אַמאָל אין וואַלד צו קבורה געבראַכט.

— דו ביזטו דאָ, זיידעשי? פרעגט דער וואַגיל און לאַכט - איך בין נאָך דיר געקומען...

אַ קאַלטער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן, ער האָט אַ כאַפּ געטאָן הויפנס שנֵיי פון די שפּיצן פון די טענענבוי־מער און פיכטעס, און זיי אַ שאָט געטאָן אויף דעם טויטן יעלעסקאַן; אינדערפריה איז שוין פון גריבל אַפילו קיין סימן ניט געווען.

„[illegible] פארלאג"

[illegible]

פרייז 1.60 ר.